צייט דער געבענטשטער און אייניציק מעכטיקער,
16 דער מלך המלכים און אדון האדונים, וואָס נאָר ער
אַליין האָט אומשטאַרבלעכקייט, און וואוינט אין אַ
ליכט, צו וועלכן מען קען נישט דערגרייכן, וועמען
קיין מענטש האָט נישט געזען און קאָן נישט זען;
כבוד צו אים און די אייביקע מאַכט. אמן.
17 די עשירים אין דער איצטיקער וועלט זאָלסטו
באַפעלן, אַז זיי זאָלן זיך נישט דערהייכן, און אַז
זיי זאָלן נישט זעצן זייער בטחון אויף אומזיכערע
עשירות, נאָר אויף דעם לעבעדיקן ג־ט, וועלכער
18 גיט אונז אַלץ די־והותר צום געניסן; אַז זיי זאָלן
טון גוטס, רייך ווערן אין מעשים טובים, זיין גוטע
19 געבער, גרייט צו העלפן; אָנזאַמלענדיק זיך אַן
אוצר ווי אַ גוטן יסוד אויף לעתיד לבוא, כדי זיי
זאָלן דערלאַנגען דאָס אמתע לעבן.
20 אָ טימאָטעוס, היט אָפּ דעם פּקדון, אויסמיידנדיק
געמיינע און פּוסטע רייד און די קעגנערישע מיינונ־
21 גען פון דער פאַלש־גערופענער דערקענטעניש; צו
וועלכער אייניקע האָבן זיך דערקלערט און האָבן
פאַרבלאָנדזשעט פון דער אמונה.
זאָל דער חסד זיין מיט אייך.